דעם רבינ'ס מעשיות

**סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת**

**מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א**

**הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת**

**בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ**

**מעשה ב'**
**ממלך וקיסר (1)**
**גליון 45**


## שַׁבַּת שָׁלוֹם יְלָדִים יְקָרִים!

**הַשָּׁבוּעַ הִתְחַלְנוּ אֶת הַמַּעֲשֶׂה הַשֵּׁנִי מִסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת.** רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מְסַפֵּר עַל בֶּן מֶלֶךְ וּבַת קֵיסָר שֶׁהָיָה הִתְקַשְּׁרוּת בֵּינֵיהֶם, **וְנָטַל הַבֶּן מֶלֶךְ טַבַּעַת וְנָתַן לְבַת קֵיסָר.** אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הָיוּ אוֹמְרִים שֶׁהַטַּבַּעַת שֶׁנָּתַן לָהּ מְרַמֵּז עַל **הָאֱמוּנָה,** שֶׁמַּקִּיפָה אֶת הָאָדָם כְּמוֹ **טַבַּעַת מִסְּבִיבוֹ,** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב **"אֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ"** וְרֶמֶז בָּזֶה שֶׁכָּל מַה שֶּׁיַּעֲבֹר עֲלֵיהֶם מְנִיעוֹת וְהִתְרַחֲקוּת כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים בְּהֶמְשֵׁךְ הַמַּעֲשֶׂה, יַחֲזִיקוּ תָּמִיד בֶּאֱמוּנָה.

וְגַם הַצַּדִּיק שֶׁכָּל עִסְקוֹ עִמָּנוּ הוּא לְהַכְנִיס אֱמוּנָה קְדוֹשָׁה בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, הוּא נוֹתֵן לָנוּ **טַבַּעַת,** שֶׁזֶּה **הָאֱמוּנָה** הַקְּדוֹשָׁה לְכָל אֶחָד שֶׁמִּתְקָרֵב אֵלָיו, שֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בְּכָל מַה שֶּׁיַּעֲבֹר עָלָיו.

אִם נִשְׁאַל כָּל יֶלֶד: **מַה זֶּה אֱמוּנָה?** הוּא יַעֲנֶה בְּוַדַּאי שֶׁזֶּה לְהַאֲמִין בַּה' יִתְבָּרַךְ, זֶה נִרְאֶה כָּל כָּךְ פָּשׁוּט, כָּל אֶחָד מֵבִין אֶת זֶה. - אִם כֵּן מַה נּוֹתֵן לָנוּ הַצַּדִּיק? מַה זֶּה הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁמְּקַבְּלִים מֵהַצַּדִּיק?

**"טוֹב ה' לַכֹּל, וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו",** כְּשֶׁהוֹלֵךְ לָנוּ כְּסֵדֶר, אָנוּ מְבִינִים אֶת זֶה מְצֻיָּן, אַךְ כְּשֶׁעוֹבֵר מַה שֶּׁעוֹבֵר עַל כָּל אֶחָד, וְלִפְעָמִים נִרְאֶה שֶׁה' מַסְתִּיר פָּנָיו, כָּאן צָרִיךְ **אֱמוּנָה,** שֶׁהִיא לְמַעְלָה מֵהַשֵּׂכֶל, לְהַאֲמִין שֶׁגַּם מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלַי עַכְשָׁו, שֶׁנִּרְאֶה כָּל כָּךְ גָּרוּעַ, זֶה בְּדִיּוּק מְדֻיָּק מֵה' יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב וְנָכוֹן עֲבוּרִי. פֹּה מַתְחִיל נִסָּיוֹן הָאֱמוּנָה, אֵיךְ כָּל אֶחָד מַחֲזִיק אֶת עַצְמוֹ **בֶּאֱמוּנָה** שֶׁלּוֹ **בַּה' יִתְבָּרַךְ וּבַצַּדִּיקִים.** כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים בַּסִּפּוּר, **שֶׁכְּשֶׁבֶּן הַמֶּלֶךְ נָתַן אֶת הַטַּבַּעַת,** עֲדַיִן הַכֹּל הָלַךְ כְּסֵדֶר, אַךְ אַחַר כָּךְ כְּשֶׁהֵם מְאַבְּדִים אֶת הַטַּבַּעַת, שֶׁזֶּה הָאֱמוּנָה, **הֵם מִתְרַחֲקִים זֶה מִזֶּה וְתוֹעִים בַּדֶּרֶךְ,** וְעוֹבֵר עֲלֵיהֶם נִסְיוֹנוֹת רַבִּים.

כְּשֶׁיְּהוּדִי מַרְגִּישׁ כְּשֶׁלֹּא הוֹלֵךְ לוֹ כִּרְצוֹנוֹ, שֶׁנַּעֲשָׂה לוֹ עָוֶל, אוֹ שֶׁיֵּשׁ כָּאן טָעוּת, וְכוּ'... זֶה נִקְרָא נְפִילַת הָאֱמוּנָה. וְאָז, אֶפְשָׁר ח"ו לְהִתְרַחֵק וְלִתְעוֹת, כִּי הָאֱמוּנָה הַפְּשׁוּטָה הוּא: **שֶׁמֵּה' מִצְעֲדֵי גֶבֶר,** וְכָל מַה שֶּׁה' עוֹשֶׂה זֶה לְטוֹבָה. מְלַמְּדֵנוּ רַבֵּנוּ, שֶׁעִקַּר הַנִּסָּיוֹן בָּזֶה הָעוֹלָם, הוּא בְּעִנְיַן הָאֱמוּנָה, וְאָמַר עַל זֶה הרה"ח ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶּר ז"ל שֶׁצָּרִיךְ לִזְכֹּר שֶׁיְּסוֹד הַכֹּל זֶה אֱמוּנָה, וְחָשׁוּב שֶׁכָּל אֶחָד יְשַׁנֵּן לְעַצְמוֹ אֶת לְשׁוֹן רַבֵּנוּ: **הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה.** (לקו"מ תנינא תורה ה')

אֱמוּנָה זֶה לֹא מַשֶּׁהוּ שֶׁקּוֹרֶה מֵעַצְמוֹ, אֶלָּא צָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק בָּזֶה מְאֹד, לְהַכְנִיס בְּדַעְתֵּנוּ שֶׁה' יִתְבָּרַךְ הוּא טוֹב לַכֹּל, **"מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וְאֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, בְּכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם",** וְכָל מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלֵינוּ הַכֹּל כּוֹלֵל הַכֹּל, הוּא רַק מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה צָרִיךְ כָּל כָּךְ לִהְיוֹת חָזָק בְּדַעְתֵּנוּ, שֶׁגַּם בִּרְגָעִים שֶׁל קֹשִׁי נִהְיֶה מֻקָּפִים **בְּטַבַּעַת הָאֱמוּנָה.**

**כְּשֶׁזָּכָה רַבֵּנוּ לְמוֹהרנ"ת** לְחַדֵּשׁ חִדּוּשִׁין בַּתּוֹרָה, אָמַר לוֹ: "כְּשֶׁתִּכְתֹּב בְּעִנְיַן אֱמוּנָה וּבְעִנְיַן הַצַּדִּיק תְּשַׁחְרֵר עֵטְךָ, וּכְתֹב מַה שֶּׁיּוֹתֵר **"זָאלְסְטוּ צוּ לָאזְן דִּי פֶּען אוּן שְׁרֵייבּ וָואס מֶער"**. כִּי הָאֱמוּנָה בַּה' יִתְבָּרַךְ וּבַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי, זֶה יְסוֹד כָּל הַיַּהֲדוּת.

שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ.



### סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

# מַעֲשֶׂה ב – מִ'מֶּלֶךְ' וְ'קֵיסָר'

## פֶּרֶק א – הַ'בֶּן־מֶלֶךְ' וּ'בַת־קֵיסָר'

**[א]** מַעֲשֶׂה: בְּקֵיסָר אֶחָד, שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ בָּנִים. גַּם מֶלֶךְ אֶחָד, לֹא הָיָה לוֹ בָּנִים. וְנָסַע הַקֵּיסָר עַל הָאָרֶץ, לְשׁוֹטֵט לְבַקֵּשׁ: אוּלַי יִמְצָא אֵיזֶה עֵצָה וּתְרוּפָה לְהוֹלִיד בָּנִים. גַּם הַמֶּלֶךְ נָסַע כְּמוֹ כֵן. וְנִזְדַּמְּנוּ שְׁנֵיהֶם לְפֻנְדָּק אֶחָד, וְלֹא הָיוּ יוֹדְעִים זֶה מִזֶּה.

וְהִכִּיר הַקֵּיסָר בְּהַמֶּלֶךְ: שֶׁיֵּשׁ לוֹ נִמּוּס (שֶׁל מַלְכוּת), וְשָׁאַל אוֹתוֹ. וְהוֹדָה לוֹ: שֶׁהוּא מֶלֶךְ. גַּם הַמֶּלֶךְ הִכִּיר בַּקֵּיסָר גַּם־כֵּן, וְהוֹדָה לוֹ גַּם־כֵּן. וְהוֹדִיעוּ זֶה לָזֶה: שֶׁנּוֹסְעִים בִּשְׁבִיל בָּנִים.

וְנִתְקַשְּׁרוּ שְׁנֵיהֶם: "בְּאִם שֶׁיָּבוֹאוּ לְבֵיתָם, וְיוֹלִידוּ נְשׁוֹתֵיהֶם זָכָר וּנְקֵבָה, בְּאֹפֶן שֶׁיִּהְיוּ יְכוֹלִים לְהִתְחַתֵּן – אֲזַי יִתְחַתְּנוּ בֵּין שְׁנֵיהֶם".

וְנָסַע הַקֵּיסָר לְבֵיתוֹ, וְהוֹלִיד בַּת. וְהַמֶּלֶךְ נָסַע לְבֵיתוֹ, וְהוֹלִיד בֵּן. וְהַהִתְקַשְּׁרוּת הַנַּ"ל נִשְׁכַּח מֵהֶם.

**[ב]** וְשָׁלַח הַקֵּיסָר אֶת בִּתּוֹ לִלְמֹד. גַּם הַמֶּלֶךְ שָׁלַח אֶת בְּנוֹ לִלְמֹד. וְנִזְדַּמְּנוּ שְׁנֵיהֶם אֵצֶל מְלַמֵּד אֶחָד. וְהָיוּ אוֹהֲבִים זֶה אֶת זֶה מְאֹד. וְנִתְקַשְּׁרוּ בֵּינֵיהֶם: שֶׁיִּשְּׂאוּ זֶה לָזֶה. וְנָטַל הַבֶּן־מֶלֶךְ טַבַּעַת וְנָתַן עַל־יָדָהּ, וְנִתְחַתְּנוּ יַחַד.

**[ג]** אַחַר־כָּךְ שָׁלַח הַקֵּיסָר אַחַר בִּתּוֹ, וֶהֱבִיאָהּ לְבֵיתוֹ. גַּם הַמֶּלֶךְ שָׁלַח אַחַר בְּנוֹ, וֶהֱבִיאוֹ לְבֵיתוֹ.

וְהָיוּ מְדַבְּרִים שִׁדּוּכִים לְבַת־הַקֵּיסָר, וְלֹא רָצְתָה שׁוּם שִׁדּוּךְ, מֵחֲמַת הִתְקַשְּׁרוּת הַנַּ"ל. וְהַבֶּן־מֶלֶךְ הָיָה מִגַּעְגֵּעַ מְאֹד אַחֲרֶיהָ. גַּם הַבַּת־קֵיסָר הָיְתָה עֲצֵבָה תָּמִיד. וְהָיָה הַקֵּיסָר מוֹלִיכָהּ לַחֲצֵרוֹת שֶׁלּוֹ וּפָלָטִין [אַרְמוֹנוֹת] שֶׁלּוֹ, וְהֶרְאָה אוֹתָהּ גְּדֻלָּתוֹ, וְהִיא הָיְתָה עֲצֵבָה.

וְהַבֶּן־מֶלֶךְ הָיָה מִגַּעְגֵּעַ מְאֹד אַחֲרֶיהָ, עַד שֶׁנֶּחֱלָה. וְכָל מַה שֶּׁשָּׁאֲלוּ אוֹתוֹ: "עַל מָה אַתָּה חוֹלֶה" – לֹא רָצָה לְהַגִּיד. וְאָמְרוּ לְהַמְשַׁמֵּשׁ אוֹתוֹ: אוּלַי תּוּכַל אַתָּה לַחֲקֹר אֶצְלוֹ? וְאָמַר לָהֶם: שֶׁהוּא יוֹדֵעַ, כִּי הוּא הָיָה עִמּוֹ אָז בַּמָּקוֹם שֶׁלָּמַד שָׁם. וְהִגִּיד לָהֶם הַדָּבָר.

וַאֲזַי נִזְכַּר הַמֶּלֶךְ: שֶׁכְּבָר נִתְחַתֵּן הוּא עִם הַקֵּיסָר מִקֹּדֶם. וְהָלַךְ וְכָתַב לְהַקֵּיסָר: שֶׁיָּכִין עַצְמוֹ עַל הַחֲתֻנָּה, כִּי כְּבָר נִתְקַשְּׁרוּ מִקֹּדֶם, כַּנַּ"ל. וְלֹא רָצָה הַקֵּיסָר, אַךְ לֹא הָיָה יָכוֹל לְהָעֵז וּלְסָרֵב, וְהֵשִׁיב לוֹ: שֶׁיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ בְּנוֹ אֵלָיו, וְיִרְאֶה אִם יוּכַל לִנְהֹג מְדִינוֹת, אֲזַי יַשִּׂיא בִּתּוֹ אֵלָיו.

**[ד]** וְשָׁלַח בְּנוֹ אֵלָיו (הַיְנוּ: שֶׁהַמֶּלֶךְ שָׁלַח בְּנוֹ לְהַקֵּיסָר, כַּאֲשֶׁר צִוָּה הַקֵּיסָר, כַּנַּ"ל). וְהוֹשִׁיבוֹ הַקֵּיסָר בְּתוֹךְ חֶדֶר, וּמָסַר לוֹ נְיָרוֹת שֶׁל עִסְקֵי הַמְּדִינָה, לִרְאוֹת אִם יוּכַל לִנְהֹג אֶת הַמְּדִינָה.

וְהַבֶּן־מֶלֶךְ הָיָה מִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד לִרְאוֹת אוֹתָהּ, וְלֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ לִרְאוֹתָהּ. פַּעַם אֶחָד הָלַךְ אֵצֶל כֹּתֶל שֶׁל אַסְפַּקְלַרְיָא [מַרְאָה], וְרָאָה אוֹתָהּ, וְנָפַל חַלָּשׁוּת, וּבָאתָה הִיא אֵלָיו וְנִעֲרַתּוּ, וְסִפְּרָה לוֹ: שֶׁאֵינָהּ רוֹצָה שׁוּם שִׁדּוּךְ, מֵחֲמַת הַהִתְקַשְּׁרוּת עִמּוֹ. וְאָמַר לָהּ: מַה נַּעֲשֶׂה, וְאָבִיךְ אֵינוֹ רוֹצֶה? – וְאָמְרָה: אַף־עַל־פִּי־כֵן.

**[ה]** אַחַר־כָּךְ הִתְיַעֲצוּ: שֶׁיַּנִּיחוּ לִפְרֹשׁ עַצְמָם עַל הַיָּם, וְשָׂכְרוּ לָהֶם סְפִינָה וּפָרְשׁוּ בַּיָּם. וְהָלְכוּ עַל הַיָּם.

אַחַר־כָּךְ רָצוּ לְקָרֵב עַצְמָם אֶל הַסְּפָר [חוֹף הַיָּם], וּבָאוּ לַסְּפָר, וְהָיָה שָׁם יַעַר, וְהָלְכוּ לְשָׁם. וְלָקְחָה הַבַּת־קֵיסָר הַטַּבַּעַת, וְנָתְנָה לוֹ, וְהִיא שָׁכְבָה שָׁם. אַחַר־כָּךְ רָאָה הַבֶּן־מֶלֶךְ: שֶׁבְּסָמוּךְ תַּעֲמֹד, וְהִנִּיחַ הַטַּבַּעַת אֶצְלָהּ. אַחַר־כָּךְ עָמְדוּ וְהָלְכוּ אֶל הַסְּפִינָה.

בְּתוֹךְ כָּךְ נִזְכְּרָה: שֶׁשָּׁכְחוּ הַטַּבַּעַת שָׁם. וְשָׁלְחָה אוֹתוֹ אַחֲרֵי הַטַּבַּעַת, וְהָלַךְ לְשָׁם, וְלֹא הָיָה יָכוֹל לִמְצֹא הַמָּקוֹם. וְהָלַךְ לְמָקוֹם אַחֵר, וְלֹא הָיָה יָכוֹל לִמְצֹא הַטַּבַּעַת. וְהָיָה הוֹלֵךְ לְבַקְּשׁוֹ מִמָּקוֹם לְמָקוֹם, עַד שֶׁנִּתְעָה, וְלֹא הָיָה יָכוֹל לַחֲזֹר. וְהִיא הָלְכָה לְבַקְּשׁוֹ, וְנִתְעֵית גַּם־כֵּן. וְהָיָה הוּא הוֹלֵךְ וְתוֹעֶה, הוֹלֵךְ וְתוֹעֶה. אַחַר־כָּךְ רָאָה דֶּרֶךְ, וְהָלַךְ לַיִּשּׁוּב; וְלֹא הָיָה לוֹ מַה לַּעֲשׂוֹת, וְנַעֲשָׂה מְשָׁרֵת.

גַּם הִיא הָיְתָה הוֹלֶכֶת וְתוֹעָה. וְיָשְׁבָה עַצְמָהּ: שֶׁתֵּשֵׁב אֵצֶל הַיָּם. וְהָלְכָה אֶל שְׂפַת־הַיָּם, וְהָיָה שָׁם אִילָנוֹת שֶׁל פֵּרוֹת, וְיָשְׁבָה שָׁם. וּבַיּוֹם הָיְתָה הוֹלֶכֶת אֵצֶל הַיָּם, אוּלַי תִּמְצָא עוֹבְרִים וְשָׁבִים, וְהָיְתָה מִתְפַּרְנֶסֶת מֵהַפֵּרוֹת. וּבַלַּיְלָה הָיְתָה עוֹלָה עַל אִילָן, כְּדֵי שֶׁתִּהְיֶה נִשְׁמֶרֶת מִן הַחַיּוֹת.

## פֶּרֶק ב – 'בֶּן הַסּוֹחֵר'

[א] וַיְהִי הַיּוֹם! וְהָיָה סוֹחֵר גָּדוֹל מֻפְלָג מְאֹד, וְהָיָה לוֹ מַשָּׂא־וּמַתָּן בְּכָל הָעוֹלָם. וְהָיָה לוֹ בֵּן־יָחִיד, וְהַסּוֹחֵר הָיָה זָקֵן.

פַּעַם אֶחָד אָמַר הַבֵּן לְאָבִיו: "בַּאֲשֶׁר שֶׁאַתָּה זָקֵן וַאֲנִי נַעַר, וְהַנֶּאֱמָנִים שֶׁלְּךָ אֵינָם מַשְׁגִּיחִים כְּלָל עָלַי, וְאַתָּה תִּסְתַּלֵּק, וְאֶהְיֶה נִשְׁאָר רֵיק, וְלֹא אֵדַע מַה לַּעֲשׂוֹת. בְּכֵן, תֵּן לִי סְפִינָה עִם סְחוֹרָה, וְאֵלֵךְ עַל הַיָּם, כְּדֵי לִהְיוֹת בָּקִי בְּמַשָּׂא־וּמַתָּן". וְנָתַן לוֹ אָבִיו: 'סְפִינָה עִם סְחוֹרָה', וְהָלַךְ לַמְּדִינוֹת, וּמָכַר הַסְּחוֹרָה, וְקָנָה סְחוֹרָה אַחֶרֶת, וְהִצְלִיחַ.

[ב] בִּהְיוֹתוֹ עַל הַיָּם, רָאוּ אוֹתָן הָאִילָנוֹת הַנַּ"ל (שֶׁהָיְתָה הַבַּת־קֵיסָר שָׁם), וְסָבְרוּ שֶׁהוּא יִשּׁוּב, וְרָצָה לֵילֵךְ לְשָׁם; וּכְשֶׁנִּתְקָרְבוּ, רָאוּ שֶׁהֵם אִילָנוֹת, וְרָצוּ לַחֲזֹר. בְּתוֹךְ־כָּךְ הֵצִיץ הַסּוֹחֵר (הַיְנוּ: בֶּן־הַסּוֹחֵר הַנַּ"ל) לְתוֹךְ הַיָּם, וְרָאָה שָׁם אִילָן, וְעָלָיו כְּמַרְאֵה אָדָם, וְסָבַר: שֶׁמָּא הוּא טוֹעֶה עַצְמוֹ. וְהִגִּיד לִשְׁאָר הָאֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ שָׁם, וְהִבִּיטוּ, וְרָאוּ גַּם־כֵּן כְּמַרְאֵה אָדָם עַל הָאִילָן.

וְהִתְיַשְּׁבוּ לְהִתְקָרֵב לְשָׁם, וְשָׁלְחוּ אִישׁ עִם סְפִינָה קְטַנָּה לְשָׁם. וְהֵם הָיוּ מַבִּיטִים בְּתוֹךְ הַיָּם, כְּדֵי לְכַוֵּן אֶת הַשָּׁלִיחַ, שֶׁלֹּא יִטְעֶה מִן הַדֶּרֶךְ, כְּדֵי שֶׁיֵּלֵךְ מְכֻוָּן אֶל הָאִילָן הַנַּ"ל. וְהָלַךְ לְשָׁם, וְרָאָה: שֶׁיּוֹשֵׁב שָׁם אָדָם. וְהִגִּיד לָהֶם.

וְהָלַךְ בְּעַצְמוֹ (בֶּן־הַסּוֹחֵר הַנַּ"ל), וְרָאָה: שֶׁיּוֹשֶׁבֶת שָׁם (הַיְנוּ: הַבַּת־קֵיסָר הַנַּ"ל, שֶׁהָיְתָה יוֹשֶׁבֶת שָׁם, כַּנַּ"ל). וְאָמַר לָהּ: שֶׁתֵּרֵד. וְאָמְרָה לוֹ: שֶׁאֵינָהּ רוֹצָה לִכְנֹס אֶל הַסְּפִינָה, כִּי אִם שֶׁיַּבְטִיחָהּ: שֶׁלֹּא יִגַּע בָּהּ, כִּי אִם כְּשֶׁיָּבוֹא לְבֵיתוֹ וְיִשָּׂא אוֹתָהּ כַּדָּת. וְהִבְטִיחַ לָהּ. וְנִכְנְסָה אֶצְלוֹ לַסְּפִינָה. וְרָאָה: שֶׁהִיא מְזַמֶּרֶת עַל כְּלֵי־זֶמֶר, וִיכוֹלָה לְדַבֵּר בְּכַמָּה לְשׁוֹנוֹת, וְשָׂמַח עַל שֶׁנִּזְדַּמְּנָה לוֹ.

[ג] אַחַר־כָּךְ כְּשֶׁהִתְחִילוּ לְהִתְקָרֵב לְבֵיתוֹ, אָמְרָה לוֹ: "שֶׁהַיֹּשֶׁר, שֶׁיֵּלֵךְ לְבֵיתוֹ, וְיוֹדִיעַ לְאָבִיו וּקְרוֹבָיו, וְכָל מְיֻדָּעָיו, שֶׁכֻּלָּם יֵצְאוּ לִקְרָאתָהּ, בַּאֲשֶׁר שֶׁמּוֹלִיךְ אִשָּׁה חֲשׁוּבָה כָּזוֹ, וְאַחַר־כָּךְ יִתְוַדַּע לוֹ מִי הִיא". (כִּי גַּם מִקֹּדֶם הִתְנְתָה הִיא עִמּוֹ: "שֶׁלֹּא יִשְׁאַל אוֹתָהּ מִי הִיא עַד אַחַר הַחֲתֻנָּה, אָז יֵדַע מִי הִיא"). וְהִסְכִּים עִמָּהּ.

אָמְרָה לוֹ: "גַּם הַיֹּשֶׁר, בַּאֲשֶׁר שֶׁאַתָּה מוֹלִיךְ אִשָּׁה כָּזוֹ, שֶׁתְּשַׁכֵּר אֶת כָּל הַמַּאטְרָאסְן [מַלָּחִים] הַמּוֹלִיכִין הַסְּפִינָה, לְמַעַן יֵדְעוּ, שֶׁהַסּוֹחֵר שֶׁלָּהֶם יֵשׁ לוֹ נִשּׂוּאִין עִם אִשָּׁה כָּזוֹ". וְהִסְכִּים עִמָּהּ.

וְלָקַח יַיִן טוֹב מְאֹד שֶׁהָיָה לוֹ בַּסְּפִינָה, וְנָתַן לָהֶם, וְנִשְׁתַּכְּרוּ מְאֹד, וְהוּא הָלַךְ לְבֵיתוֹ לְהוֹדִיעַ לְאָבִיו וּקְרוֹבָיו, כַּנַּ"ל, וְהַמַּאטְרָאסְן נִשְׁתַּכְּרוּ וְיָצְאוּ מִן הַסְּפִינָה, וְנָפְלוּ וְשָׁכְבוּ בְּשִׁכְרוּתָם.

[ד] וּבְעוֹד שֶׁהָיוּ מְכִינִים עַצְמָם שָׁם לֵילֵךְ לִקְרָאתָהּ עִם כָּל הַמִּשְׁפָּחָה, הָלְכָה הִיא וְהִתִּירָה הַסְּפִינָה מִן הַסְּפָר, וּפֵרְשָׂה הַוִּילוֹנוֹת (הַיְנוּ: הַלַּוֶוינְטְן), וְהָלְכָה לָהּ עִם הַסְּפִינָה.

וְהֵם בָּאוּ אֶל הַסְּפִינָה (הַיְנוּ: כָּל הַמִּשְׁפָּחָה שֶׁל הַסּוֹחֵר) וְלֹא מָצְאוּ דָּבָר. וְחָרָה לְהַסּוֹחֵר אֲבִי־הַבֵּן הַנַּ"ל, מְאֹד, וְהוּא צוֹעֵק וְאוֹמֵר (הַיְנוּ: הַבֵּן שֶׁל הַסּוֹחֵר הַנַּ"ל, שֶׁהָיָה בָּא עִם הַסְּפִינָה הַנַּ"ל, צָעַק וְאָמַר): תַּאֲמִין לִי: שֶׁהֵבֵאתִי סְפִינָה עִם סְחוֹרָה וְכוּ'. וְהֵם אֵינָם רוֹאִים דָּבָר. וְאָמַר לוֹ: תִּשְׁאַל לְהַמַּאטְרָאסְן! וְהָלַךְ לִשְׁאֹל אוֹתָם, וְהֵם שׁוֹכְבִים שִׁכּוֹרִים.

אַחַר־כָּךְ נִנְעֲרוּ. וְשָׁאַל לָהֶם, וְאֵינָם יוֹדְעִים כְּלָל מַה עָבַר עֲלֵיהֶם, רַק יוֹדְעִים שֶׁהֵבִיאוּ סְפִינָה עִם כָּל הַנַּ"ל, וְאֵינָם יוֹדְעִים הֵיכָן הוּא. וְחָרָה הַסּוֹחֵר מְאֹד עַל בְּנוֹ, וְגֵרְשׁוֹ מִבֵּיתוֹ, וְלֹא יָבוֹא לְנֶגֶד פָּנָיו. וְהָלַךְ מִמֶּנּוּ נָע וָנָד. וְהִיא (הַיְנוּ הַבַּת־קֵיסָר הַנַּ"ל), הָיְתָה הוֹלֶכֶת עַל הַיָּם.

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

# מַעֲשֶׂה ב – דֶער 'מֶלֶךְ' אוּן דֶער 'קֵיסָר'

## פֶּרֶק א – דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אוּן דִי 'בַּת־קֵיסָר'

[א] מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶועְן אַ 'קֵיסָר', דֶער 'קֵיסָר' הָאט קַיין 'קִינְדֶער' נִישְׁט גֶעהַאט! – וְוידֶער אִיז גֶעוֶועְן אַ 'מֶלֶךְ', דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אוֹיךְ קַיין 'קִינְדֶער' נִישְׁט גֶעהַאט!

הָאט זִיךְ דֶער 'קֵיסָר' גֶעלָאזְט [אַרוּמְוַואנְדֶערְן] אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר זָאל זוּכְן: "טָאמֶער וֶועט עֶר גֶעפִינֶען עֶפֶּעס אַ 'עֵצָה', אָדֶער אַ 'רְפוּאָה', [אַז] עֶר זָאל הָאבְּן 'קִינְדֶער'"! – דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעלָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט [זוּכְן אַ 'עֵצָה' אָדֶער אַ 'רְפוּאָה' צוּ הָאבְּן 'קִינְדֶער']!

זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע, זִיךְ צוּם אוֹיפְגֶעקוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען] אוֹיף [צוּ] אֵיין 'אַרְבֶּערִיג' [אַכְסַנְיָא], אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן!

הָאט דֶער 'קֵיסָר', דֶערְקֶענְט דֶעם 'מֶלֶךְ': "אַז עֶר הָאט אַ נִימוּס [אוֹיסְקוּק] פוּן אַ מַלְכוּת"! – אוּן [עֶר] הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט [דֶערְוֶועגְן]! – הָאט עֶר אִים מוֹדֶה גֶעוֶועְן: "אַז עֶר אִיז אַ 'מֶלֶךְ'"!

דֶער 'מֶלֶךְ', הָאט דֶעם 'קֵיסָר' אוֹיךְ דֶערְקֶענְט: "אַז עֶר הָאט אַ נִימוּס [פוּן אַ] מַלְכוּת"! – הָאט עֶר אִים אוֹיךְ מוֹדֶה גֶעוֶועְן!

הָאבְּן זֵיי אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן דֶערְצֵיילְט: "אַז זֵיי פָּארְן פוּן 'קִינְדֶער' וֶועגְן"! – הָאבְּן זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גֶעמַאכְט [אָפְּגֶעמַאכְט]: "בְּאִם [אוֹיבּ] אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אַהֵיים, אוּן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער וֶועלְן הָאבְּן, אֵיינֶע אַ 'זָכָר', אוּן אֵיינֶע אַ 'נְקֵיבָה' [אוֹיף אַ אוֹפָן וָואס זֵיי וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען מְשַׁדֵךְ זַיין] – זָאלְן [וֶועלְן] זֵיי זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין"!

אִיז גֶעפָארְן דֶער 'קֵיסָר' אַהֵיים, אוּן הָאט גֶעהַאט אַ 'טָאכְטֶער'! – אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז גֶעפָארְן אַהֵיים, אוּן הָאט גֶעהַאט אַ 'זוּהְן'! – אוּן דֶער 'שִׁידוּךְ' אִיז פוּן זֵיי פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן!

[ב] הָאט דֶער 'קֵיסָר', גֶעשִׁיקְט זַיין 'טָאכְטֶער' לֶערְנֶען! – דֶער 'מֶלֶךְ', הָאט אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט זַיין 'זוּהְן' לֶערְנֶען! – זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אֵיין 'מְלַמֵד'! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט! – הָאבְּן זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גֶעמַאכְט [אָפְּגֶעמַאכְט]: "אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען [חֲתוּנָה הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן]"!

הָאט דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' גֶענוּמֶען אַ 'פִינְגֶערְל' [רִינְגְל], אוּן הָאט אִיר אַרוֹיפְגֶעטָאן אוֹיף דֶער הַאנְט! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ מִתְחַתֵּן [מְשַׁדֵךְ] גֶעוֶועְן!

[ג] נָאכְדֶעם: הָאט גֶעשִׁיקְט דֶער 'קֵיסָר' נָאךְ זַיין 'טָאכְטֶער', אוּן הָאט זִי גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] אַהֵיים! – דֶער 'מֶלֶךְ', הָאט אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט נָאךְ זַיין 'זוּהְן', אוּן הָאט אִים אוֹיךְ גֶעבְּרַאכְט צוּ זִיךְ אַהֵיים!

אוּן מֶען הָאט גֶערֶעדְט 'שִׁידוּכִים' דֶעם קֵיסָר'ס 'טָאכְטֶער'! – אוּן זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קַיין שׁוּם שִׁידוּךְ, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם הִתְקַשְׁרוּת [בּוּנְד], וָואס זִי הָאט גֶעמַאכְט מִיט דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ'!

אוּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אִיר! – אוּן דִי 'בַּת־קֵיסָר' אִיז אוֹיךְ תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] טְרוֹיעֶרִיג גֶעוֶועְן! אוּן דֶער 'קֵיסָר' הָאט זִי [אִיר] גֶעפִירְט אִין זַיינֶע הֵייף [הוֹיפְן], אוּן אִין זַיינֶע פַּאלַאצְן, אוּן הָאט אִיר גֶעווִיזְן אִיר גְדוּלָה [גְרוֹיסְקֵייט], אוּן זִי אִיז אַלְץ גֶעוֶועְן טְרוֹיעֶרִיג!

אוּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אִיר, בִּיז עֶר אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן! – אוּן וָואס מֶען הָאט אִים [אַלְץ] גֶעפְרֶעגְט: "וָואס [פַארְוָואס] בִּיזְטוּ קְרַאנְק"?! – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן!

הָאט מֶען גֶעזָאגְט צוּ דֶעם וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט: "טָאמֶער וֶועסְטוּ קֶענֶען בַּיי אִים דֶערְקְלֶערְן [אוֹיסְפָארְשְׁן]"?! – הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵויים"! – וָוארְן [וַוייל] דֶער וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט, אִיז גֶעוֶועְן מִיט אִים דָארְט ווִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט! – הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט! (כְּלוֹמַר: דֶער בַּאדִינֶער הָאט גֶעזָאגְט [פַאר] זֵיי: "פַארְוָואס עֶר אִיז קְרַאנְק"!).

הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' דֶערְמַאנְט: "אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין לַאנְג מְשַׁדֵךְ גֶעוֶועְן מִיט דֶעם 'קֵיסָר'"! – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן צוּם 'קֵיסָר': "אַז עֶר זָאל זִיךְ רֶעכְטְן [צוּגְרֵייטְן] אוֹיף דֶער 'חֲתוּנָה', וָוארְן דֶער 'שִׁידוּךְ' אִיז דָאךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעוֶועְן, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

דֶער 'קֵיסָר', הָאט אָבֶּער שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶעם 'שִׁידוּךְ'! לוּשְׁמִיר [נָאר] עֶר הָאט [דָאךְ] נִישְׁט גֶעקֶענְט אִים מֵעִיז זַיין [זִיךְ קֶעגְנְשְׁטֶעלְן], [אִיז דֶערִיבֶּער] הָאט אִים דֶער 'קֵיסָר' אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' זָאל שִׁיקְן זַיין 'זוּהְן' צוּ אִים, כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען

פִּירְן לֶענְדֶער, וֶועט עֶר אִים [דַאן] גֶעבְּן [חֲתוּנָה מַאכְן מִיט אִים] זַיין 'טָאכְטֶער'"!

**[ד]** הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשִׁיקְט דֶעם 'זוּהְן' צוּ אִים [צוּם 'קֵיסָר']! – הָאט אִים דֶער 'קֵיסָר' אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט אִין אַ חֶדֶר [צִימֶער], אוּן הָאט אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן פַּאפִּירְן פוּן זַאכְן פוּן דֶער 'מְדִינָה', כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן, אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען פִּירְן דִי 'מְדִינָה'!

דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט, זִי [אִיר] צוּ זֶעהְן, עֶר הָאט זִי [אִיר] אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן! – אַמָאל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען נֶעבְּן אַ וַואנְט פוּן 'שְׁפִּיגְל', הָאט עֶר זִי דֶערְזֶעהְן! אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן חַלָּשׁוּת! – אִיז זִי גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן הָאט אִים דֶערְמוּנְטֶערְט!

אוּן [זִי] הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַז זִי וִויל נִישְׁט קַיין שׁוּם 'שִׁידוּךְ', מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דָאס 'הִתְקַשְּׁרוּת' [בּוּנְד] וָואס זִי הָאט שׁוֹין מִיט אִים גֶעהַאט"! – הָאט עֶר צוּ אִיר גֶעזָאגְט: "וָואס טוּט מֶען, [אַז] דַיין 'פָּאטֶער' וִויל אָבֶּער נִישְׁט"?! – הָאט זִי גֶעזָאגְט: "פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, הַאלְט זִי זִיךְ נָאר אִין אִים"!

**[ה]** נָאכְדֶעם, הָאבְּן זֵיי [זִיךְ] אַ 'עֵצָה' גֶעהַאלְטְן: "זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַוֶועקְלָאזְן אוֹיף דֶעם 'יַם'"! – אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעדוּנְגֶען אַ 'שִׁיף', אוּן הָאבְּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעלָאזְט אוֹיף דֶעם 'יַם'!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם 'יַם'! – נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט צוּקוּמֶען צוּ אַ 'בָּארְטְן', זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּם 'בָּארְטְן'! אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ 'וַואלְד', זֶענֶען זֵיי אַהִינְגֶעגַאנְגֶען!

הָאט דִי 'בַּת־קֵיסָר' גֶענוּמֶען דָאס 'פִינְגֶערְל' [רִינְגְל], אוּן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אוּן זִי הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן! – נָאכְדֶעם הָאט דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' גֶעזֶעהְן: "אַז זִי וֶועט שׁוֹין וַוייטֶער [בְּקָרוֹב] אוֹיפְשְׁטֵיין"! הָאט עֶר אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט דָאס 'פִינְגֶערְל' נֶעבְּן אִיר! – דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער 'שִׁיף'!

דֶערְוַוייל הָאט זִי זִיךְ דֶערְמַאנְט: "אַז זֵיי הָאבְּן פַארְגֶעסְן דָאס 'פִינְגֶערְל' דָארְט"! – הָאט זִי אִים גֶעשִׁיקְט נָאךְ דֶעם 'פִינְגֶערְל'! – אִיז עֶר אַהִינְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען דָאס אָרְט [פְּלַאץ]! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, אוּן הָאט וַוייטֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען דָאס 'פִינְגֶערְל'!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דָאס 'פִינְגֶערְל', פוּן אֵיין אָרְט צוּם אַנְדֶערְן – בִּיז עֶר אִיז פַארְעֶרְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן, אוּן הָאט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּמְקֶערְן [צוּרִיקְקֶערְן]!

אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען אִים זוּכְן, אִיז זִי אוֹיךְ פַארְעֶרְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעבְּלָאנְדְזֶעט, אוּן הָאט אַלְץ וַוייטֶער [מֶער אוּן מֶער] גֶעבְּלָאנְדְזֶעט! – נָאכְדֶעם הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַ וֶועג, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ טוּהְן, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ 'מְשָׁרֵת'!

אוּן זִי אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעבְּלָאנְדְזֶעט! – הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "זִי וֶועט זִיךְ אַנִידֶערְזֶעצְן בַּיי דֶעם 'יַם'"! – אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען צוּם 'בָּארְטְן' פוּן דֶעם 'יַם', אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען 'בֵּיימֶער' פוּן 'פֵּירוֹת' – אִיז זִי דָארְט גֶעזֶעצְן! – אוּן בַּייטָאג, פְּלֶעגְט זִי אוּמְגֵיין [גֵיין] בַּיים 'יַם', טָאמֶער וֶועט זִי [דָארְט] גֶעפִינֶען עֶמִיצְן! אוּן זִי הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען [גֶעשְׁפַּייזְט] פוּן דִי 'פֵּירוֹת'! – אוּן בַּיינַאכְט, פְּלֶעגְט זִי אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף אַ 'בּוֹים', כְּדֵי זִי זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיט פוּן דִי 'חַיּוֹת'!

## פֶּרֶק ב – דֶער 'בֶּן הַסּוֹחֵר'

**[א]** וַיְהִי הַיּוֹם! אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'סוֹחֵר', זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'סוֹחֵר'! עֶר הָאט גֶעהַאט 'מַשָּׂא־וּמַתָּן' [הַאנְדְל] אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט! – אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ 'בֶּן־יָחִיד'! – דֶער 'סוֹחֵר' אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט!

אַמָאל הָאט גֶעזָאגְט דֶער 'זוּהְן' צוּם 'פָּאטֶער': "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דוּ בִּיזְט שׁוֹין אַלְט, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג – אוּן דֵיינֶע 'נֶאֱמָנִים' [בַּאגְלֵייבְּטֶע מֶענְטְשְׁן] גֶעבְּן אוֹיף מִיר גָאר קַיין הַשְׁגָחָה נִישְׁט – וָואס וֶועט זַיין [וֶוען] דוּ וֶועסְט שְׁטַארְבְּן, אוּן אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אַלֵיין, וֶועל אִיךְ גָארְנִישְׁט וִויסְן וָואס צוּ טוּהְן? – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] גִיבּ מִיר אַ 'שִׁיף' מִיט 'סְחוֹרָה', וֶועל אִיךְ גֵיין אוֹיף דֶעם 'יַם', כְּדֵי אִיךְ זָאל גֶענִיט [בַּאקַאנְט] וֶוערְן אִין 'מַשָּׂא־וּמַתָּן' [הַאנְדְלְן]"!

הָאט אִים דֶער 'פָּאטֶער' גֶעגֶעבְּן, אַ 'שִׁיף' מִיט 'סְחוֹרָה'! – אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין 'מְדִינוֹת', אוּן הָאט פַארְקוֹיפְט דִי 'סְחוֹרָה', אוּן הָאט גֶעקוֹיפְט אַנְדֶערֶע 'סְחוֹרָה'! – אוּן הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען!

**[ב]** דֶערְוַוייל! וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם 'יַם', הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן דִי 'בֵּיימֶער', וָואס דִי 'בַּת־קֵיסָר' אִיז

דָארְט גֶעזֶעצְן! - הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט [אַז] דָאס אִיז אַ 'יִשּׁוּב'! הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט אַהִינְצוּגֵיין! - וִוי זֵיי זֶענֶען נָאנְט גֶעקוּמֶען, הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן: "אַז דָאס אִיז 'בֵּיימֶער'"! הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעוָואלְט אוּמְקֶערְן [צוּרִיקְקֶערְן]!

דֶערְוַוייל! הָאט דֶער 'בֶּן־הַסּוֹחֵר' אַ קוּק גֶעטָאן אִין 'יַם' אַרַיין, הָאט עֶר דָארְט גֶעזֶעהְן אַ 'בּוֹים', אוּן אוֹיבְּן [אוֹיפְן 'בּוֹים', קוּקְט אוֹיס אַז עֶס] זִיצְט [דָארְט] אַזוֹי־וִוי אַ מֶענְטְשׁ! - הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "טָאמֶער אִיז עֶר זִיךְ טוֹעֶה"! - הָאט עֶר [דָאס] גֶעזָאגְט [צוּ] דִי אִיבְּרִיגֶע [אַנְדֶערֶע] מֶענְטְשְׁן, וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעוֶועןְ! - הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גֶעטָאן, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעזֶעהְן, וִוי אַ מֶענְטְשׁ [אִיז] אוֹיף דֶעם 'בּוֹים'!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶועןְ: "זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַהִין צוּשְׁפַּארְן [דֶערְנֶענְטֶערְן]"! - הָאבְּן זֵיי גֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם מִיט אַ קְלֵיין 'שִׁיפְל', אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט אִין 'יַם' אַרַיין, כְּדֵי מֶען זָאל דֶעם 'שָׁלִיחַ' וֵוייזְן, [אַז] עֶר זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן [צוּטְרֶעפְן] צוּם בּוֹים [עֶר זָאל נִישְׁט פַארְבְּלָאנְדְזְן]!

אִיז דֶער 'שָׁלִיחַ' אַהִינְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז דָארְט זִיצְט אַ 'מֶענְטְשׁ'"! - הָאט עֶר זֵיי [דָאס] גֶעזָאגְט!

אִיז עֶר אַלֵיין אַהִינְגֶעגַאנְגֶען (דְּהַיְינוּ: דֶער 'בֶּן־הַסּוֹחֵר')! - הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז זִי זִיצְט דָארְט (דְּהַיְינוּ: דִי 'בַּת־קֵיסָר', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])"! - הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "אַז זִי זָאל אַרָאפְּגֵיין"! - הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "אַז זִי ווִיל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין דֶער 'שִׁיף', בִּיז עֶר זָאל אִיר צוּזָאגְן: אַז עֶר זָאל זִי [אִיר] נִישְׁט אָנְרִירְן, בִּיז עֶר וֶועט קוּמֶען אַהֵיים, אוּן [דַאן] וֶועט [עֶר] מִיט אִיר חֲתוּנָה הָאבְּן כַּדָּת"! - הָאט עֶר אִיר [דָאס] צוּגֶעזָאגְט [מַבְטִיחַ גֶעוֶועןְ]!

אִיז זִי צוּ אִים אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶער 'שִׁיף'! - הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז זִי קֶען שְׁפִּילְן אוֹיף 'כְּלֵי־זֶמֶר', אוּן קֶען רֶעדְן כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת [אַסַאךְ שְׁפְּרַאכְן]"! - הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט [דֶערוֹיף] וָואס זִי הָאט זִיךְ אִים מִזְדַּמֵּן גֶעוֶועןְ [צוּגֶעפִירְט].

[ג] נָאכְדֶעם! אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאנְט צוּ קוּמֶען צוּ זַיין שְׁטוּב, הָאט זִי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "[אַז] דֶער יוֹשֶׁר אַז, אַז עֶר זָאל גֵיין אַהֵיים, אוּן זָאל מוֹדִיעַ זַיין [פַאר] זַיין 'פָּאטֶער', אוּן זַיינֶע 'קְרוֹבִים', אוּן 'גוּטֶע פְרַיינְד': בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר פִירְט אַזוֹי אַ [אַזַא] אִשָּׁה חֲשׁוּבָה - [אוּן] זָאלְן זֵיי אַלֶע אִיר גֵיין אַקֶעגְן [מְקַבֵּל־פָּנִים זַיין] - אוּן דֶערְנָאךְ, וֶועט עֶר וִויסְן וֶוער זִי אִיז"! (וָוארְן פְרִיעֶר הָאט זִי אוֹיךְ מִיט אִים אַ 'תְּנַאי' אוֹיסְגֶענוּמֶען: "אַז עֶר זָאל זִי [אִיר] נִישְׁט פְרֶעגְן וֶוער זִי אִיז, בִּיז נָאךְ דֶער 'חֲתוּנָה - דֶעמָאלְט וֶועט עֶר [הֶערְשְׁט] וִויסְן וֶוער זִי אִיז"!) - הָאט עֶר דֶערוֹיף מַסְכִּים גֶעוֶועןְ!

ווִידֶער הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "דֶער יוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ, אַז דוּ זָאלְסְט אָנְשִׁיקְן אַלֶע 'מַאטְרָאסְן' וָואס פִירְן דִי 'שִׁיף' - לָאזְן [זָאלְן] זֵיי וִויסְן, אַז זֵייעֶר 'סוֹחֵר' הָאט 'חֲתוּנָה' מִיט אַזוֹי אַ [אַזַא] אִשָּׁה"! - הָאט עֶר זִי [אִיר] גֶעפָאלְגְט, אוּן הָאט גֶענוּמֶען 'זֵייעֶר־גוּטְן וַויין', וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף דֶער 'שִׁיף', אוּן הָאט זֵיי גֶעגֶעבְן! - זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר 'שִׁיכּוֹר' גֶעוָוארְן!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַהֵיים - עֶר זָאל מוֹדִיעַ זַיין דֶעם 'פָּאטֶער', מִיט דִי 'פְרַיינְד' [אַזוֹי־וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! - אוּן דִי 'מַאטְרָאסְן', הָאבְּן זִיךְ פַארְשִׁיכֶּרְט! - אוּן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער 'שִׁיף', אוּן זֶענֶען אַנִידֶערְגֶעפַאלְן 'שִׁיכּוֹר'!

[ד] דֶערְוַוייל! וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט, צוּ גֵיין אִיר אַקֶעגְן, מִיט דֶער גַאנְצֶער 'מִשְׁפָּחָה' - דֶערְוַוייל אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אָפְּגֶעבוּנְדְן דִי 'שִׁיף' פוּן דֶעם 'בָּארְטְן', אוּן הָאט צוּלָאזְט [צוּשְׁפְּרֵייט] דִי 'לַיְוונְטְן', אוּן אִיז אַוֶועק מִיט דֶער 'שִׁיף'! - אוּן דִי גַאנְצֶע 'מִשְׁפָּחָה', זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דֶער 'שִׁיף', אוּן הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפוּנֶען!

אִיז דֶער [אַלְטֶער] 'סוֹחֵר', זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוֶועןְ אוֹיף דֶעם 'זוּהְן'! - אוּן דֶער 'זוּהְן' שְׁרֵייט: "גְלֵייבְּט מִיר, [אַז] אִיךְ הָאבּ גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] אַ 'שִׁיף' מִיט 'סְחוֹרָה' וְכוּ'", כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! - אוּן זֵיי זֶעהְן גָארְנִישְׁט! - הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט [דִי זוּהְן פַארְן טַאטְן]: "פְרֶעג דִיר דִי 'מַאטְרָאסְן'"! - אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זֵיי פְרֶעגְן, אוּן זֵיי לִיגְן 'שִׁיכּוֹר'!

נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, דִי 'מַאטְרָאסְן' - הָאט מֶען זֵיי גֶעפְרֶעגְט?! - אוּן זֵיי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, וָואס מִיט זֵיי הָאט זִיךְ גֶעטָאן [אָפְּגֶעטָאן]! - נָאר זֵיי וֵוייסְן: "אַז מֶען הָאט גֶעבְּרַאכְט אַ 'שִׁיף', מִיט דֶעם אַלֶעמֶען [אַלֶע סְחוֹרָה, וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], אוּן וֵוייסְן נִישְׁט וואוּ זִי אִיז"!

אִיז דֶער 'סוֹחֵר' זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן אוֹיף זַיין 'זוּהְן', אוּן הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן זַיין שְׁטוּב: "אַז עֶר זָאל אוֹיף [פַאר] זַיינֶע אוֹיגְן נִישְׁט קוּמֶען"! - אִיז דֶער 'זוּהְן' אַוֶועק 'נַע־וָנָד'! - אוּן זִי (דְּהַיְינוּ: דִי 'בַּת־קֵיסָר'), אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם 'יַם'!

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ______________________

טעלפון ______________________

שטאט ______________________

## בחינה אויף סיפורי מעשיות

### די צווייטע מעשה - דער מלך און דער קיסר (1)

**א. האבן דער מלך און דער קיסר געהאט קינדער?**
- ❑ דער מלך האט געהאט קינדער און דער קיסר נישט
- ❑ דער קיסר האט געהאט קינדער און דער מלך נישט
- ❑ ביידע האבן נישט געהאט קינדער

**ב. וואו האבן זיך געטראפן דער מלך און דער קיסר?**
- ❑ אין דעם קענעגליכע פאלאץ פון דעם מלך
- ❑ אין דעם קענעגליכע פאלאץ פון דעם קיסר
- ❑ אין איין גאסטהויז (הארבעריג)

**ג. האבן זיי געוואוסט איינער פון דעם אנדערן?**
- ❑ יא
- ❑ ניין.
- ❑ נאר דער קעניג האט געוואוסט פון דעם קיסר .

**ד. וואס האבן זיי צווישן זיך אפגעמאכט?**
- ❑ אז אויב זיי וועלן האבן איינער א זון און איינער א טאכטער וועלן זיי זיך משדך זיין
- ❑ אז עס וועט זיין שלום צווישן זייערע מדינות
- ❑ אז זיי וועלן ווערן איין מדינה מיט איין קעניג

**ה. וואו האבן זיך געטראפן דער זון פון מלך און די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ אין איין גאסטהויז (הארבעריג)
- ❑ זיי האבן געוואוינט בשכנות.
- ❑ ביי איין מלמד

**ו. וואס האבן זיי צווישן זיך אפגעמאכט?**
- ❑ אז זיי וועלן זיך קיינמאל נישט קריגן
- ❑ אז זיי וועלן חתונה האבן
- ❑ אז זייערע קינדער וועלן זיך משדך זיין

**ז. פארוואס האט די בת קיסר נישט געוואלט קיין שום שידוך?**
- ❑ ווייל זי האט געוואלט נאר דער זון פון דעם גרעסטן קעניג
- ❑ ווייל זי האט געוואלט נאר דער זון פון דעם גרעסטן עושר
- ❑ ווייל זי האט געוואלט נאר דער זון פון דעם גרעסטן עושר
- ❑ וועגן די התקשרות מיט דעם בן מלך

**ח. מיט וואס זענען געפארן דער בן המלך און די בת הקיסר?**
- ❑ מיט א פערד און וואגן
- ❑ אויף איר טאטעס שיף
- ❑ זיי האבן זיך געדונגען א שיף

**ט. וואו האט די בת הקיסר פארגעסן דאס פינגערל (רינגל)?**
- ❑ אין איר שטוב פאר זי איז ארויס
- ❑ אויפ'ן שיף
- ❑ אין וואלד וואו זי איז געשלאפן

**י. ווער האט געטראפן די פינגערל (רינגל)?**
- ❑ דער בן המלך
- ❑ די בת הקיסר
- ❑ קיינער נישט

**יא. וואס האט פאסירט צו דער בן המלך און די בת קיסר?**
- ❑ זיי זענען ווייטער געגאנגען
- ❑ זיי האבן צוזאמען פארבלאנדזעט
- ❑ זיי האבן פארבלאנדזעט יעדער באזונדער

**יב. וואס איז דער בן המלך נאכדעם געווארן?**
- ❑ א מלך
- ❑ א יעדניראל
- ❑ א משרת

**יג. וואס האט דער אלטער סוחר געגעבן פאר זיין זון?**
- ❑ געלד, גענוג פאר זיין גאנצע לעבן
- ❑ א שיף מיט סחורה
- ❑ אסאך בנינים

**יד. וואס האט דער סוחר געבעטן פון די בת קיסר וואס איז געווען אויפ'ן בוים?**
- ❑ אז זי זאל אראפ גיין
- ❑ אז זי זאל בלייבן אויבן
- ❑ אז זי זאל אים ווייזן די וועג

**טו. וואס האט די בת קיסר געטון ווען דער סוחר איז געגאנגען צו זיין טאטע?**
- ❑ זי האט געגעבן פון די ווין פאר די מאטראסן
- ❑ זי האט אויפגעבינדן די שיף פון דעם בארטן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס האט דער סוחר געטון פאר זיין זון ווען ער האט געזען אז די שיף איז נישט דא?**
- ❑ ער האט אים געגעבן א אנדערע שיף
- ❑ ער האט געשריגן אויף אים
- ❑ ער האט אים פארטריבן פון זיין שטוב

**און דו בן מלך קום אהער לאמיר אהיים פארן - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 - ארה"ב 646-518-1095

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ______________________

טלפון ______________________

עיר ______________________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מעשה ב׳ - ממלך וקיסר (1)

**א. האם למלך ולקיסר היו בנים?**
- ☐ למלך היה בנים, ולקיסר לא היה בנים
- ☐ למלך לא היה בנים ולקיסר היה בנים
- ☐ למלך ולקיסר לא היה בנים

**ב. היכן נזדמנו המלך והקיסר?**
- ☐ בארמון המלוכה של המלך
- ☐ בארמון המלוכה של הקיסר
- ☐ בפונדק אחד

**ג. האם ידעו זה מזה?**
- ☐ כן
- ☐ לא
- ☐ רק המלך ידע מהקיסר

**ד. איזה קשר התקשרו ביניהם המלך והקיסר?**
- ☐ שאם יולידו נשותיהם זכר ונקבה אזי יתחתנו בין שניהם
- ☐ שיהיה שלום בין שתי המדינות כל ימיהם
- ☐ שיתאחדו שתי המדינות של שתיהם ויהיה רק מלך אחד

**ה. היכן נזדמנו בן המלך ובת הקיסר יחד?**
- ☐ בפונדק אחד
- ☐ הם גרו בשכנות
- ☐ אצל מלמד אחד

**ו. איזה קשר נתקשרו ביחד בן המלך ובת הקיסר?**
- ☐ שלא יריבו אף פעם
- ☐ שישאו זה את זה
- ☐ שכשהם יגדלו ויולידו בן ובת, ישאו זה את זה

**ז. למה לא רצתה שום שידוך בת הקיסר?**
- ☐ כי היא רצתה רק את בן של מלך הכי גדול
- ☐ כי היא רצתה רק בן מלך שהוא עשיר גדול
- ☐ כי היא התקשרה כבר עם בן המלך הנ"ל

**ח. עם מה נסעו בן המלך ובת הקיסר?**
- ☐ על סוס ועגלה
- ☐ על ספינה של אביה
- ☐ שכרו להם ספינה והלכו על הים

**ט. היכן שכחה הבת קיסר את הטבעת שקבלה מהבן מלך?**
- ☐ בביתה לפני שיצתה
- ☐ בספינה
- ☐ ביער היכן ששכבה

**י. מי מצא את הטבעת?**
- ☐ בן המלך
- ☐ בת הקיסר
- ☐ אף אחד

**יא. מה קרה לבן המלך ולבת הקיסר?**
- ☐ המשיכו ללכת ביחד
- ☐ נפרדו כל אחד לדרכו
- ☐ הלכו ותעו ונאבדו אחד מהשני

**יב. מה נעשה הבן המלך אח"כ?**
- ☐ מלך
- ☐ יעדנירל
- ☐ משרת

**יג. מה נתן הסוחר הזקן לבנו?**
- ☐ כסף שיתפרנס מזה ימי חייו
- ☐ ספינה עם סחורה
- ☐ הרבה בתים שישתכר מזה

**יד. מה ביקש בן הסוחר מהבת הקיסר שהיתה על האילן?**
- ☐ שתירד
- ☐ שתשאר למעלה
- ☐ שתראה לו את הדרך

**טו. מה עשתה בת הקיסר בזמן שבן הסוחר הלך לאביו?**
- ☐ לקחה יין ונתנה למאטראסין
- ☐ התירה הספינה ופרשה הוילונות והלכה לה עם הספינה
- ☐ שתי התשובות נכונות

**טז. מה עשה הסוחר לבנו כשראה שהספינה לא נמצאת?**
- ☐ נתן לו ספינה נוספת עם סחורה שיתחיל שוב
- ☐ צעק עליו
- ☐ גירשו מביתו

**ואתה בן המלך נלכה ונסעה ושבו לביתם - בהצלחה גדולה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך